# זקניך ויאמרו לך

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

**בעזהשי"ת** | **גליון קמ"ח – פר' וירא תשע"א לפ"ק** | **כיתה ח' ט'**


תתתרלא) עס דערציילט

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

אינדערהיים איז געווען איינגעפירט אז די בחורים האבן געגעסן 'טעג' ביי די בעלי בתים איבער די שטאט, און עס איז געווען איינגעטיילט לויט א סדר יעדן טאג ביי וועלכן בעה"ב יעדער בחור האט געגעסן, א געווענליכן טאג האבן די בחורים געגעסן נאכטמאל ארום זעקס אזייגער, אבער פרייטאג צונאכטס איז געווארן שפעטער, און די בחורים זענען געווען הונגעריג.

דער סדר פון עסן 'טעג' האט אפטמאל געברענגט בזיונות פאר די בחורים, ווען דער בעה"ב אדער די באלעבאסטע האט געקענט מזלזל זיין און פארשעמען די בחורים.

איינמאל האבן ארום 10-15 בחורים געגעסן ביי א בעה"ב, און ווען מ'האט אריינגעברענגט די פיש זאפט האט יעדער איינגעטונקען די חלה, און עס איז גלייך אויסגעגאנגען די זאפט, דער בעה"ב איז נישט געווען קיין גרויסער מוקיר תורה האט ער זיך אנגערופן מיט א שטעך-ווערטל: "פארוואס האט דער אייבערשטער געדארפט שפאלטן דעם ים סוף, ער האט דאך געקענט ברענגען אפאר בחורים וואס זאלן געבן א טונק איין די חלה און דעם ים וואלט זיך אויסגעטרוקנט ? !".

האבן זיך די בחורים אנגערופן "מ'האט דאס נישט געקענט טון, ווייל קריעת ים סוף איז דאך געווען פסח ווען מ'טאר נישט בראקן"... (שמעתי בשב"ק אחר התפילה בדרך לביתו נאוה קודש) (אפרים יואל פארגעס)

תתתרלב) עס דערציילט מיין עלטער זיידע

## הרה"ח ר' מאיר ווייזער ע"ה

זייענדיג אין די ביטערע מלחמה איז ער געווען דער איינציגסטער אין יענעם לאגער וואס האט געהאט ביי זיך א פאר תפילין, און במשך פונעם טאג האט ער דאס געבארגט פאר אנדערע אידן, אז אויך זיי זאלן קענען אנטון די תפילין, כאטש דאס איז געווען א גרויסע סכנה.

איינמאל האט ער דארט געזעהן א איד וואס האלט ביי די גסיסה ל"ע פון די ביטערע הונגער, האט ער גענומען דאס לעצטע ביסל האניג וואס ער האט געהאט ביי זיך און אריינגעגאסן אין דעם איד'ס מויל, דער איד האט פון דעם צוריק באקומען זיין חיות, און שפעטער פלעגט אים דער איד אלס מכיר טובה זיין אז א דאנק אים איז ער געבליבן לעבן. (די יארצייט געפאלט אויס היינטיגן שב"ק פר' וירא, ט"ו מרחשון) (אהרן בערגער)

תתתרלג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' אלימלך יודא לאנדא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

איך האב זוכה געווען צו שטיין אונטערן רבי'ן **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** ביי שלש סעודות פר' האזינו, און דער רבי האט נאכגעזאגט די ווערטער פונעם רמב"ן הק' אז יעדער איד בפרטיות איז מרומז אין שירת האזינו.

נאך די תורה האט זיך דער רבי אנגערופן אז זיין נאמען איז מרומז דריי מאל אין שירת האזינו, איין מאל אינעם פסוק "י'שיב ל'צריו ו'כפר א'דמתו איז ר"ת יוא"ל, 'און די אנדערע צוויי איז נישט קיין נפק"מ.

האט זיך אנגערופן הרה"ח ר' יוסף ניימאן ע"ה אז עמ"ו איז בגימטריא "בן חנה". האב איך אים געזאגט אז ער זאל עס זאגן פארן רבי'ן, אבער ער האט זיך נישט געטרויעט.

שפעטער האט מען נאכגעזאגט אז דער רבי האט געזאגט פאר זיין הסתלקות אז ער איז אויך מרומז אינעם פסוק כי אשא אל שמים י'די ו'אמרתי חי א'נכי ל'עולם, ווען איך וועל ארויפגיין אין הימל, און מ'וועט נאכזאגן מיינע תורות, וועט דאס זיין כאילו איך לעב אויף אייביג, ווי דוד המלך האט געזאגט אגורה באהלך עומים, אז ווען מ'זאגט נאך א שמועה פון א צדיק איז מען אים גורם חיות. (חנני' יו"ט ליפא בראך, יחזקאל שרגא שעהר, משה שעהר, יחזקאל שרגא בראך, יושע לאנדא)

תתתרלד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' חיים ידידי' פישער הי"ו

בערך בשנת תשכ"ג לפ"ק זייענדיג א בחור בין איך געווען אין צעהלים'ער קעמפ אין ליווינגסטאן מענאר, דארט איז אויך געווען מיט אונז כ"ק הגה"צ **המפורסם דער צעהלים'ער רב זצ"ל**.

דער קעמפ איז געווען אויף א הויכע פלאץ און עס איז געווען זייער קאלט, איינמאל ווען די מקוה איז געווען קאלט אינדערפרי זענען געווען בחורים וואס זענען נישט געגאנגען אין מקוה, מורא האבנדיג אז זיי וועלן זיך פארקילן.

יענעם טאג ביי מיטאג ווען די בחורים זענען געווען אין סוואומונג פול, קומט אריין דער צעהלים'ער רב און ער הייסט יעדן ארויסקומען און זיך שטעלן אין א שורה, די בחורים האבן זיך שנעל אנגעטון די קאפלעך און זיך צוגעדעקט בצניעות, און דער צעהלים'ער רב איז אריבערגעגאנגען בחור נאך בחור און געפרעגט "ביסט היינט געווען אין מקוה ?", אויב איז געווען דער ענטפער יא האט ער געלאזט צוריק גיין שווימען, ווער נישט האט געמוזט ארויסגיין, זאגנדיג "עס איז א סכנה צו גיין שווימען אויב מ'איז נישט געווען אין מקוה". (ישראל פישער, מענדל וואלף פישער, הערשל פישער, אליקים פישער)

תתתרלה) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הגה"צ ר' קלונימוס אליעזר עקשטיין זצ"ל אב"ד בונאס איירעס

עס שרייבט הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו פון ארה"ק אז זיין פאטער הרה"ח ר' שלום ווייס ז"ל איז געווען פון די הויפט עסקנים אינעם מושב עין-הים (וואדי דזשאמעל) וואו דער זיידע ז"ל האט משמש געווען ברבנות ווען ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל, און דער זיידע האט דארט עוסק געווען מיט מסירות נפש אויפצובויען תורה און אידישקייט אין א מדבר שממה.

שרייבט ער אזוי "מיין טאטע פלעגט כסדר דערציילן איבער אפענע מופתים וואס ער האט געזעהן נאכאנאנד וואס האט באגלייט דעם רב'ס הצלחה אין די הייליגע ארבעט. איך געדענק ווי מיין טאטע איז געווען א מענעדזשער אין א מיליטערישן לאגער, און זיין גענעראל איז געווען זייער צובראכן ווייל זיין פרוי האט באקומען א געשוויר ר"ל אין האלז, און זי האט פארלוירן דעם דיבור ל"ע, און די דאקטורים האבן אים נישט געקענט העלפן.

כאטש ער איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות האט אים מיין טאטע באווירקט אז ער זאל קומען נעמען א ברכה פונעם רב זצ"ל. איין טאג איז פלוצלונג אנגעקומען א מיליטערישע טראק ביים רב'ס הויז, און דער גענעראל מיט מיין טאטן זענען אריין צום רב, דער רב האט געהאלטן אינמיטן בודק זיין א שאלה אויף א הינדל וואס איז געלעגן אויפן טיש. נאכדעם וואס דער רב האט באגריסט דעם גענעראל און געפרעגט זיין בקשה האט ער געפרעגט דעם נאמען פון זיין פרוי, האט ער געפרעגט דעם גענעראל צי ער איז גרייט זיך אונטערצונעמען צו פירן א אידישע שטוב, דער גענעראל האט געענטפערט אז יא.

דער רב האט גארנישט געזאגט נאר ער האט ווייטער בודק געווען די שאלה, וואס האט געדויערט עטליכע מינוט, וועג מיין טאטע וואנדערט זיך זייער פארוואס ער לאזט אזויווארטן דעם גענעראל. ווען ער האט געענדיגט בודק זיין די הינדל האט דער רב הויך אויסגערופן מיט שמחה "כשר! כשר!", און ער האט געזאגט "די הינדל האט אויך געהאט א שאלה איבער א סירכה אין האלז, ווען איך האב געהערט אייער בקשה האב איך מתפלל געווען צום אייבערשטן פאר די פרוי, און ווען די סירכה פון די הינדל איז ארויס כשר האב איך פארשטאנען אז אייער פרוי איז אויך אויסגעהיילט געווארן לחיים ולשלום.

דער גענעראל האט אויסגעבראכן אין א געוויין פון שמחה הערנדיג די ווערטער, און אזוי איז טאקע געווען, ווען די דאקטורים האבן נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי די פרוי איז פטור געווארן פון אזא מסוכנ'דיגע מחלה. (די יארצייט איז געווען פארגאנגענעם דינסטאג י"א מרחשון) (משה יעקב מארקאוויטש, קלונימוס אליעזר ברש"צ בר"ד עקשטיין, משה יודא עקשטיין, קלונימוס אליעזר בנעט, קלונימוס אליעזר ווערצבערגער, משה זאב הלוי ווערצבערגער, קלונימוס אליעזר בר"י עקשטיין, חיים ראובן עקשטיין, יחזקאל שרגא עקשטיין, יואל בר"ר עקשטיין, יואל יושע גפן, אהרן זילבערשטיין, יעקב זילבערשטיין, אהרן בר"י עקשטיין, קלונימוס אליעזר אפפעל, קלונימוס אליעזר קויפמאן, פסח עקשטיין, קלונימוס אליעזר שעהנברון)

## תתתרלו) עס האט דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יוסף סאקס ע"ה הכ"מ

אין די ערשטע יארן וואס ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע האט ער געוואוינט אויף דער איסט סייד, און ער האט זיך אלעמאל געדרייט ביי צדיקים און ערליכע אידן. זייענדיג צוגעוואוינט פונדערהיים וואס ער איז געווען א ווארעמער חסיד'ישער איד און מקושר צו צדיקים.

ווען ער איז דאס ערשטע מאל געווען ביי כ"ק מרן רבינו הק' **בעל דברי יואל** זי"ע ביי שלש סעודות, האט ער געשפירט ווי "דער רבי רייבט מיך אויס די נשמה" ווי ער פלעגט זיך אויסדרוקן, און ער האט באלד געשפירט אז זיין שורש נשמה איז אין סאטמאר ביים רבי'ן, האט ער זיך דעמאלטס מקשר געווען אינעם רבי'נס מיט א קשר אמיץ און זיך מער נישט אוועק גערירט פון אים, און אויף דעם וועג האט ער ווייטער מחנך געווען זיינע קינדער. (נפטר ביום ג' וירא י"א חשון תשע"א, יהא זכרו ברוך) (ליפא גוטמאן, יעקב יצחק גוטמאן)

## תתתרלז) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע
## הרה"ח ר' משה הערש ווייס ע"ה

מיט בערך 45 יאר צוריק איז ער אריין בקודש פנימה צו רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע און זיך שואל עצה געווען אז ער וואוינט אין א קליינע ענגע דירה, און מ'טראגט אים אן צו קויפן א הויז פאר 10-12 טויזנט דאללער, צו ער זאל דאס קויפן.

דער רבי האט זיך אויפגעזעצט אויפן בענקל און זיך אנגערופן "ביי אזא הייזקעלע קען מען אמאל גוט פארדינען"... כאטש דער זיידע האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט די ווערטער, האט ער דאס אפגעקויפט.

מיט 25 יאר שפעטער האט דער זיידע פארקויפט דאס הויז ווען די פרייזן זענען צענדליג-פאכיג געשטיגן און ער האט פאר די הייזקע באקומען 40-50 מאל מער די ווערט וואס ער האט געצאלט דערפאר. (יואל בר"י ווייס, אברהם ברוין, יודא פרידריך, שאול גרשון ווייס, אהרן גרינפעלד)

## תתתרלח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' נח גפן שליט"א שו"ב

מיין עלטער עלטער זיידע רבי יוסף צבי ווינשטאק ז"ל, האט שוין אלס אינגל ביי די צוועלף יאר גע'שמ'ט אין די ישיבה זייענדיג פון די בעסטע תלמידים, א ירא שמים מיט אלע מעלות, אויסער איין גרויסע חסרון האט ער געהאט אז ער איז געקומען פון זייער א ארעמע שטוב, וואס אין יענע צייט איז דאס געווען א גרויסער חסרון ביי שידוכים.

דארט אין די שטאט האט געוואוינט א עושר וואס האט ל"ע געהאט א קראנקע טאכטער, וואס האט נישט געהערט און נישט געקענט רעדן ל"ע, אויך איז זי זייער שווער געגאנגען, נאר אזוי ווי ער האט געהאט אסאך געלט צו קענען אויסהאלטן זיין איידעם האט ער געזוכט א וואוילן גוטן בחור, וואס האלט ביים לערנען אבער ער קומט פון א ארימע שטוב, אזוי אז ער זאל מסכים זיין צו נעמען זיין טאכטער, כדי ער זאל קענען לעבן רואיג אן קיין דאגות פון געלט.

איז ער אריבער צום ראש ישיבה און געבעטן אז מ'זאל אים אויסוועלן א בחור פאר א איידעם, און מ'האט אים אויסגעוועלט דעם ארימען אינגל יוסף הערש, און ער האט אים גענומען פאר א חתן נאך פאר די בר מצוה.

ביים תנאים האט ער באקומען א טייערע גאלדענעם טאשן זייגער, אבער זיינע עלטערן האבן נאך פון גארנישט געוואוסט ווייל זיי האבן געוואוינט פון דערווייטנס.

נאכ'ן תנאים האט ער אהיים געשיקט א בריוו פאר זיינע עלטערן אז ער איז געווארן א חתן בשעה טובה ומוצלחת, ביי א איד א גרויסער עושר וואס האט געוואלט אריינכאפן אזא גוטן איידעם א אינגל א תלמיד חכם, און מען האט אים געגעבן א מתנה א גאלדענעם טאשן זייגער.

זיינע עלטערן האבן זיך זייער געפרייט אז זייער זוהן וועט קענען זיצן אין לערנען אן קיין שטערונגען ווייל ער באקומט א שווער א עושר, זיי האבן זיך אויפגעהויבן און אהינגעפארן צו די שטאט וואו ער האט געלערנט, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען און געזעהן די ערשטע מאל די מיידל די כלה, זענען זיי זייער שאקירט געווארן זעענדיג אז די כלה ל"ע איז א פעלערדיגע מיידל, האבן זיי פארשטאנען אז דער עושר האט גוט אריינגענארט זייער זוהן, ווייל זיי האבן געזעהן אז זייער זוהן איז אזא תמים און ער פארשטייט נישט צו קיין עולם הזה, האבן זיי אנגעהויבן צו רעדן אז מען זאל תיכף ומיד אפלאזן די שידוך.

אבער דער יונגער יוסף הערש האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פון אזא זאך צו אפלאזן די שידוך, ער האט געזאגט פאר זיי אז מען טאר נישט פארשעמען א אידישע טאכטער, און ער איז גרייט איר צו נעמען פאר א ווייב ווי אזוי זי זעהט אויס, און דער אויבערשטער וועט שוין העלפען אז אלעס וועט זיין גוט.

מען האט באשטימט די חתונה אויף די נאכט וואס ר' יוסף הערש איז געווארן דרייצן יאר, וואס איז געפראוועט געווארן צוזאמען מיט די בר מצוה סעודה, און אינדערפרי האט רבי יוסף צבי אנגעטוהן די טלית צוזאמען מיט די תפילין די ערשטע מאל.

דער זיידע פון זיין זייט איז טאקע גרייט געווען אויף מסירות נפש נישט צו פארשעמען א אידישע טאכטער, אבער מן השמים איז געווען אנדערש באשערט, און א שטיק צייט נאך די חתונה איז די יונגע פרוי ל"ע נפטר געווארן, נאכדעם האט ר' יוסף הערש חתונה געהאט בזווג שני מיט אונזער באבע ע"ה. (מרדכי יצחק גפן, משה הכהן שעהנברון, יואל יושע גפן, אברהם הערש גפן, משה גפן, דוב אלטר ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא.)

## תתתרלט) עס האט דערציילט אונזער מאמע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יצחק פארגעס ע"ה

ווען זי האט געוואוינט אין לעיקוואד האט געוואוינט העכער זיי א גוי א שונא ישראל, וואס האט נישט געקענט דערליידן ערליכע אידן. איינמאל אינמיטן סוכות איז דער גוי ארויפגעקראכן אויפן פייער-סקעיפ און ער האט אריינגעשפיגן אין די סוכה.

א קורצע צייט שפעטער איז דער גוי קראנק געווארן און ער האט כסדר געשפיגן בלוט, ביז ער איז געשטארבן, יעדער האט געזעהן בחוש אז ער איז גענשט געווארן מדה כנגד מדה ווייל ער האט געשפעפט מיט די הייליגע סוכה. (אפרים יואל, יודא פארגעס)

## תתתרמ) לזכרון נצח אונזער אומפארגעסליכער מלמד
## הרה"ח ר' יצחק מאיר שפירא ז"ל

אונזער רבי ר' יצחק מאיר ע"ה פלעגט פארקויפן די גמרות און ספרי נ"ך אין חדר, דאס איז געווען איינע פון זיינע פילע זאכן פארוואס ער האט אוועק געגעבן זיין צייט און כח לשם מצוה צו טון א טובה פארן מוכר ספרים, וואס האט געזוכט ווער עס זאל פארקויפן די ספרים פאר די קינדער אין חדר.

אלס תלמידים האבן מיר מיטגעהאלטן נישט איינמאל ווען א אינגל האט געהאט א צוריסענע גמרא, האט ער דאס אויפגעטוישט אויף א נייע גמרא אז דער תלמיד זאל קענען לערנען געהעריג און נישט געשטערט ווערן וועגן די צוריסענע גמרא.

איינמאל איז א תלמיד צוגעגאנגען פרעגן וויפיל געלט ער דארף באצאלן פאר די נייע גמרא, דער רבי האט געשמייכלט מיט זיין אומפארגעסליכן ליבליכן שמייכל, און ער האט גענומען זיין זיגל און אריינגעזיגלט אינעם ספר "מתנה מאת רבך..."

(יודא שווארץ, שמואל צבי שפיטצער)